## LESSON 9

### נײַנטע לעקציע

# אַן אַלטער בריוו

איין מאָל האָט משה געפֿונען אין דער היים אַן אַלטן בריוו. דער בריוו איז געווען פֿון זײַן שוועסטערקינד הערשלען וואָס האָט ביז דער מלחמה געוווינט אין ווילנע (פּוילן). די דײַטשן האָבן אים אומגעבראַכט אין געטאָ. דער בריוו איז געקומען פֿאַר דער מלחמה, ווען משה איז נאָך געווען אַ יִינגל. ער האָט נאָך ניט געקענט לייענען קיין ייִדיש. איצט קען ער שוין לייענען וואָס הערשל האָט געשריבן:

„טײַערער פֿעטער און מומע,

„אין מײַן לעצטן בריוו האָב איך אײַך דערציילט וועגן ווילנע. אָבער ווען איך האָב געשריבן וועגן מײַנע חבֿרים, האָב איך אײַך גאָרניט דערציילט וועגן מײַן שול. דערפֿאַר האָב איך באַשלאָסן אײַך הײַנט צו שרײַבן וועגן דעם.

„איך לערן זיך אין אַ ייִדישער שול, און איך בין שוין אין פֿינפֿטן קלאַס. מיר לערנען אַלע לימודים אויף ייִדיש, אַחוץ געשיכטע פֿון פּוילן. מער פֿון אַלע לימודים געפֿעלט מיר ייִדישע געשיכטע, ווײַל איך וויל וויסן אַלץ וואָס איז געשען מיט מײַן פֿאָלק. איך דאַרף נאָך גיין אין פֿאָלקשול איין יאָר. ווען מען ענדיקט די פֿאָלקשול גייט מען אין גימנאַזיע. אין ווילנע איז דאָ אַ ייִדישע גימנאַזיע אויך.

„איר פֿרעגט, וואָס איך און מײַנע חבֿרים טוען אין דער פֿרײַער צײַט. אין אָונט גייען מיר זייער אָפֿט אין קלוב. מיר אַבאָנירן זשורנאַלן פֿאַר דער ביבליאָטעק און מיר לייענען זיי צוזאַמען. מיר מאַכן אַליין אַ צײַטונג אַלע וואָך.

„אין אַ סך שטעט זײַנען דאָ ייִדישע ספּאָרט-אָרגאַניזאַציעס ׳מכבי׳. נעכטן האָט די פֿוסבאָל-מאַנשאַפֿט פֿון ווילנע געשפּילט קעגן וואַרשע און האָט פֿאַרלוירן. אָבער די ווילנער מאַנשאַפֿט איז סײַ ווי סײַ אַ גוטע, און דאָס לעצטע יאָר האָבן מיר זייער אָפֿט געוווּנען.

„וואָס מאַכט איר אַלע? וואָס מאַכט משה? ער האָט מיר קיין מאָל ניט געשריבן קיין בריוו. צי געדענקט ער מיך נאָך? איך געדענק נאָך גוט, ווי איר זײַט געווען בײַ אונדז צו גאַסט.

„שרײַבט מיר!

אײַער

הערשל."

## אַ נאַר און אַ חכם

ייִדן זאָגן: ווען מען דערציילט אַ נאַר אַ מעשׂה, לאַכט ער דרײַ מאָל. איין מאָל, ווען מען דערציילט אים די מעשׂה; אַ צווייט מאָל, ווען מען דערקלערט זי; און נאָך איין מאָל, ווען ער פֿאַרשטייט זי.

ווען מען דערציילט אַ חכם אַ מעשׂה, זאָגט ער: „אַן אַלטע מעשׂה! איך האָב זי שוין געהערט אַ סך מאָל!" און ער קען אַליין דערציילן די מעשׂה אַנדערש.

## VOCABULARY

אַבאָנירן to subscribe
* דער אָוונט (ן) evening
  אין אָוונט in the evening
* אַחוץ [AKhU'TS] except
  אײַך you
  אײַער your
* אַלט old
  אַלייִן himself, ourselves
* אַלץ all, everything
* אַנדערש differently
* באַשליסן (באַשלאָסן) to decide
  די ביבליאָטעק library
* בײַ at . . .'s house
  בײַ אונדז at our house
  די גימנאַזיע high school and junior college (in Europe)
* געדענקען to remember
* געווינען (געוווּנען) to win
* געפֿינען (געפֿונען) to find
* געפֿעלן (איז געפֿעלן) to please
  דאָס געפֿעלט משהן Moyshe likes this (*literally*, this pleases Moyshe)
* די געשיכטע history
* געשען (איז געשען) (מיט) to happen (to)
* דערציילן to tell (=relate)
* דערקלערן to explain
  הערשל *boy's name*
* די וואָך (ן) week
  אַלע וואָך every week
* וואָס (*relative pron.*) who, which
  ווילנע Vilna
  ווילנער Vilna (*adjective*)
* דער זשורנאַל (ן) magazine
* דער חבֿר (ים) [KhAVER—KhAVEY-RIM] friend
* דער חכם (ים) [KhOKhEM—KhA-KhOMIM] wise man
* טײַער dear
* דאָס יאָר year
  דער לימוד (ים) [LIMED—LIMUDIM] subject
  לערנען = לערנען זיך
* לעצט (לעצט) last



ייִדישע קינדער אין פּוילן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה

* מאָל: אַ מאָל once
אײן מאָל, צוויי מאָל once, twice
אַ סך מאָל many times
קײן מאָל ... ניט never
מאַכן: * וואָס מאַכט ... how is ...
די מאַנשאַפֿט team
מײַן, מײַנע my
מכּבי [MAKABI] "Maccabees" *(name of a Jewish athletic league in many European countries)*
מער (פֿון) more (than)
* נאָך still
* נאָך ניט not yet
דער נאַר fool
* נעכטן yesterday
* סײַ ווי סײַ anyway

די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע athletic league
* ע׳נדיקן to finish
די פֿאָלקשול elementary school
פֿאַר before
* פֿאַרלירן (פֿאַרלוירן) to lose
* פֿאַרשטײ׳ן (פֿאַרשטאַנען) to understand *(irregular infinitive; conjugated in the present tense like* גײן, *cf. p. 55)*
פֿוסבאָל soccer
פֿינפֿט fifth
* פֿרײַ free
* דער קלוב (ן) club
שפּילן = שפּילן זיך

## QUESTIONS

1. וואָס האָט משה געפֿונען? 2. ווער האָט געשריבן דעם בריוו? 3. פֿאַר וואָס האָט משה ניט געלייענט דעם בריוו, ווען ער איז געקומען? 4. צו וועמען האָט הערשל געשריבן דעם בריוו? 5. ווו האָט זיך הערשל געלערנט? 6. אויף וואָסער שפּראַך האָט מען געלערנט אין ייִדישע שולן אין פּוילן? 7. פֿאַר וואָס געפֿעלט הערשלען געשיכטע? 8. וויפֿל יאָר איז מען געגאַנגען אין פֿאָלקשול? 9. ווו האָט מען זיך נאָך דעם געלערנט? 10. וואָס האָט מען געטאָן אין הערשלס קלוב? 11. ווי אָפֿט האָבן זיי געמאַכט די צײַטונג? 12. וואָסער אָרגאַניזאַציע איז „מכּבי"? 13. צי האָט ווילנע געהאַט אַ גוטע מאַנשאַפֿט? 14. ווי קען משה געדענקען הערשלען?

15. וויפֿל מאָל לאַכט אַ נאַר? 16. פֿאַר וואָס? 17. וואָס זאָגט דער חכם?

## GRAMMAR

### 1. Past Participles Without —גע

איך אַבאָני׳ר — איך האָב אַבאָני׳רט
איך באַשלײ׳ס — איך האָב באַשלאָסן
איך דערקלע׳ר — איך האָב דערקלע׳רט
איך געפֿי׳ן — איך האָב געפֿונען

In the present tense of a number of verbs, the stress does not fall on the first syllable. In such verbs, no —גע is added in the past participle.

Participles without —גע are found in both the ן— and the ט— categories. ן— participles are indicated individually:

באַשליסן (באַשלאָסן)

If a verb is listed in the vocabulary as דערציילן, the present tense, איך דערצייל, can be inferred; consequently, since the stress does not fall on the first syllable, the past participle is דערציילט.

## 2. Clauses as Sentence Units

ווען חיים דערציילט אַ מעשׂה | לאַכן | אַלע

ווען מען ענדיקט די פֿאָלקשול, | גייט | מען | אין גימנאַזיע

„וואָס שרײַבט דײַן פֿעטער?" | פֿרעגט | משה

In a complex sentence, a subordinate clause is treated as a simple sentence unit. If it precedes the main clause, the verb of the main clause must follow it immediately in order to remain the second unit in the sentence as a whole. Within the subordinate clause, of course, the usual rules for word order apply.

## 3. To Like

| | |
|---|---|
| הערשלען געפֿעלט פֿוסבאָל | Hershl likes soccer |
| משהן געפֿעלן די ביכער | Moyshe likes the books |
| משהן זײַנען געפֿעלן די ביכער | Moyshe liked the books |

Expressions of "liking" follow this idiomatic pattern in Yiddish: the *person who likes* is indicated by the indirect object (dative case); the *thing which is liked* is indicated by the subject (nominative case); the verb is געפֿעלן.

Note the synonym גלײַכן, discussed on p. 266.

## 4. Declension of Personal and Interrogative Pronouns

<table>
<tr><th></th><th></th><th>NOMINATIVE</th><th>ACCUSATIVE</th><th>DATIVE</th></tr>
<tr><td>PERSONAL</td><td>I</td><td>איך</td><td>מיך</td><td>מיר</td></tr>
<tr><td></td><td>you (sg.)</td><td>דו</td><td>דיך</td><td>דיר</td></tr>
<tr><td></td><td>he</td><td>ער</td><td colspan="2">אים</td></tr>
<tr><td></td><td>she</td><td colspan="2">זי</td><td>איר</td></tr>
<tr><td></td><td>it</td><td colspan="2">עס</td><td>אים</td></tr>
<tr><td></td><td>we</td><td>מיר</td><td colspan="2">אונדז</td></tr>
<tr><td></td><td>you (pl.)</td><td>איר</td><td colspan="2">אײַך</td></tr>
<tr><td></td><td>they</td><td colspan="3">זײ</td></tr>
<tr><td>IMPERSONAL</td><td>one</td><td>מען</td><td colspan="2">—</td></tr>
<tr><td>INTERROGATIVE</td><td>what</td><td colspan="3">וואָס?</td></tr>
<tr><td></td><td>who</td><td>ווער?</td><td colspan="2">וועמען?</td></tr>
</table>

If a sentence contains a direct and indirect object, both of which are pronouns, the direct object precedes the indirect. If one object is a noun and the other a pronoun, the pronoun precedes the noun. See pp. 109–110.

## EXERCISES

A. Conjugate in the past tense:

1. איך האָב באַשלאָסן צו גיין. 2. הײַנט האָב איך דערציילט אַ מעשׂה.
3. איך האָב אָבאָנירט דעם זשורנאַל. 4. איך האָב פֿאַרשטאַנען דעם בריוו.

B. Retell the story אַ נאַר און אַ חכם in the past tense.

C. In the following sentences, replace the italicized nouns or phrases by the appropriate personal pronouns, changing the word order where necessary:

1. חיים גייט שפּאַצירן מיט זײַן שוועסטער. 2. די מאַמע האָט דערקלערט די מעשׂה דעם זון. 3. די חבֿרים ווילן האָבן דעם קלוב. 4. דער לערער רעדט מיט דעם תּלמיד. 5. מען בויט שוין די הײַזער דרײַ יאָר. 6. אסתּר רעדט מיט דעם טאַטן. 7. ער שפּילט זיך צוזאַמען מיט דעם קינד. 8. דאָס ייִנגל גייט צו זײַן חבֿר.

D. Put the pronouns in parentheses into the appropriate case:

1. דו געדענקסט (איך) נאָך? 2. איך זע (איר) קיין מאָל ניט. 3. איך דאַרף (זי) האָבן. 4. ווו קען איך (ער) לאָזן? 5. (ווער) קענט איר דאָ? 6. (דו) דאַרף מען ניט העלפֿן. 7. לאָמיר איצט באַשליסן וועגן (זיי). 8. מיט (וואָס) קען איך אײַך העלפֿן? 9. גיט (עס) מיר, זײַט אַזוי גוט. 10. איך האָב (זי) געפֿונען אין דער היים. 11. איך דאַרף מיט (דו) רעדן. 12. דו האָסט שוין געהערט וועגן (זי)? 13. ער קומט צו (מיר) אָפּט. 14. ער וווינט איצט בײַ (איך). 15. וואָס שרײַבט מען (איר) פֿון איי־ראָפּע? 16. מיט (ווער) זאָל איך רעדן וועגן די זאַכן? 17. די אַלטע מעשׂה איז (ער) זייער געפֿעלן. 18. איך וויל, איר זאָלט קומען צו (מיר) אַהיים. 19. ווי קען איך עס (דו) דערקלערן? 20. פֿוסבאָל געפֿעלט (זיי) ניט.

E. Make complete sentences out of each pair of clauses:

1. (ווען דאָס קינד איז געווען קליין)+(עס איז געווען שיין). 2. („וואָס מאַכט איר?")+(יוסף פֿרעגט). 3. („זייער גוט")+(דער אַלטער מאַן זאָגט). 4. (ווען איך בין געווען אַ קינד)+(איך האָב ניט געקענט קיין ייִדיש). 5. (ווען מיר זײַנען געווען אין פּוילן)+(מיר האָבן געזען ווילנע און וואַרשע). 6. (ווען דו ביסט געווען אין דער היים)+(די מאַמע איז שוין דאָרט געווען?). 7. (וואָס דער תּלמיד האָט געלערנט)+(ער האָט געדענקט). 8. (ווען אַ קינד רעדט מיטן טאַטן)+(ער דאַרף זאָגן „איר"

אָדער „דו"ז). 9. (ווו מען גייט)+(מען זעט שיינע הײַזער). 10. (ווען
איר קענט)+(קומט צו אונדז!).

F. Translate into Yiddish:

1. Yesterday my uncle was at our house. 2. He is a teacher. 3. He told us many interesting things. 4. In America, he explained, many children go to Jewish schools. 5. They go two or three afternoons a week (=two or three times a week in the afternoon). 6. They study Yiddish or Hebrew. 7. In many schools Jewish history is also studied. 8. (It is wanted that) Jewish children should know what happened to the Jewish people. 9. But these same children go to English schools every day, anyway. 10. My uncle said that they have to go to two schools. 11. In Poland, the Jewish schools were different (=differently). 12. People understood that everything can be studied in the same school. 13. Children never had to lose time to go to two schools. 14. They could be free in the afternoon[s]. 15. In Poland many Jewish children went to Yiddish schools where all subjects were taught (=they learned all subjects) in Yiddish, except [the] history of Poland. 16. They studied in the language which was spoken at home. 17. The children liked this. 18. Because there were elementary schools, there were also high schools. 19. When a child finished an elementary school, he could go to (=in) high school. 20. My uncle still has a magazine which a club of Jewish children of Poland sent him before the war.

## MODERN YIDDISH LITERATURE

Modern Yiddish literature is usually considered to have begun about 1860 with the works of Sholem-Yankev Abramovich (1834–1917), who wrote under the pen name of Mendele Moykher-Sforim (Mendele the Bookseller) and is known as "the Grandfather of Modern Yiddish Literature." Mendele established the fundamental literary language patterns that have been generally followed ever since. Undistorted by the satire which he directed against the life and manners of small-town Jewry in old Russia, Mendele's detailed descriptions constitute historical monuments to a bygone era. The second classic writer was Sholom Aleichem (Solomon Rabinovich;

# די קלאַסיקערס פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור



מענדעלע מוכר־ספֿרים



שלום־עליכם



יצחק־לייבוש פּרץ

1859–1916), who provided us with an insight into the Jewish mentality with all its faults and merits. His delightful humor revealed his understanding of and love for the men, women, and children whom he portrayed. Yitskhok Leybush Peretz (1852–1915), the third classic writer, monumentalized many aspects of Jewish ethics by countering Mendele's realism with a peculiar kind of romanticism, and became the undisputed leader of the younger literary generation. The "Big Three"—Mendele, Sholom Aleichem, and Peretz—were followed by a host of talented younger writers who together made the period from 1864 to 1939 the Golden Era of modern Yiddish literature. The novel, the short story, the drama, the epic poem, and every other form of fictional and non-fictional writing was utilized to the fullest during this time—not only to depict Jewish life the world over, but also to express the hopes and strivings of the Jews of all ages for national, social, and individual betterment. Many hundreds of works of European literature, of an artistic as well as scientific character, were translated into Yiddish; the best of Shakespeare's dramas can today be read in good Yiddish translations. While a developing system of general education was prompting an increase of "Western" interests among the Jews, Yiddish literature assumed a more universal character; subjects not restricted to Jewish life came into greater prominence. In recent years, Yiddish prose and poetry have to a large extent returned to the specific Jewish experiences and the Jewish fate in the modern world.

Since the end of World War II, North and South America, France, and Israel have been centers of Yiddish writing and publishing. Literary contacts with Poland and Rumania have been reduced to a trickle by the Iron Curtain. In the Soviet Union, Yiddish publishing was suppressed in 1949. In 1959, a few classic works were republished and in 1961 a magazine was launched which now appears as a monthly.